
האנדל-וואנדל
דובײ וואונדער גאָרטן
דער סאָבאסלויער רב זצ"ל
100 הונדערט
פאר יעדן, אויסגעהאלטן 100%
בס"ד
פרשת שלח תשפ"א
יאָר 1
נומער 15#
NY-NJ $6.99
Other US Cities $7.50
Canada $8.50
UK £6.00
Antwerp €7.00
Vienna €7.20
Switzerland F 8.00
נײ!
דראמאטישע קאמיקס
די דרײסטע פּחדנים 1
אין סיביר
מייסטערווערק: קערשן שליסל האַלטער
נאטור: פיש-כאַפּער קאַץ
תנאים אמוראים: שמעי' ואבטליון


15
מגילת יום טוב
געשריבן: מרת איינהארן
געמאלן: ר׳ אברהם זמורה


דֶער רַאבִּינֶער אִיז אוּנְטֶער אַרֶעסְט!
וואוּ אִיז עֶר?!
מִיר נֶעמֶען אִים גְרָאד אִין תְּפִיסָה אַרַיין!
אִיךְ בֶּעט אַייךְ! סְ'אִיז זִיכֶער אַ טָעוּת! אוּנְזֶער הַיילִיגֶער רָב -
קֶענִיג פֶערְדִינַאנְד מַאכְט נִישְׁט קֵיין טָעוּתִים! דָא אִיז דֶער אוּרְטַייל, בַּאשְׁטֶעטִיגְט אוּן פַארְזִיגְלְט!
אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז אִיר זֶענְט מִיךְ גֶעקוּמֶען זוּכְן.
דָא אִיז דֶער אוּרְטַייל, רַאבִּינֶער. אִיר זֶענְט אוּנְטֶער אַרֶעסְט.
דֶער בַּאשֶׁעפֶער פִירְט דִי וֶועלְט. אָבֶּער אָפִּיצִירְן, אִיךְ וֶועל גֵיין אַלֵיין. אָן אַייעֶר הִילְף.


אין קורצן פון פריער: די פארשער באשטימען אז דער תוספות יום טוב דארף ארעסטירט ווערן, כאטש זיי פארשן נישט אויס די קלאגעס. סאלדאטן קומען צו די אכסניא צו ארעסטירן דעם רב.
די קיינן פעלן נישט אויס, מיין האר.
אבער - אבער -
טאה ווי דער ראבינער האט געבעטן. ער וועט גיין אין תפיסה אריין אויף די אייגענע פיס...
אה הא! אזא וויכטיגער ארעסטאנט!!
עס איז מיר א כבוד צו האבן א ראבינער אין מיין תפיסה! הא הא!!
דאס איז דער רצון ה' און עס איז אודאי צום גוטן.
גייט אוועק פון דאנעט, זשידן. אייער ראבינער איז אונטער ארעסט!
אוי, וואס וועט זיין דא?!
ווי אזוי דערוואגן זיי זיך דאס צו טאן?!




פארזעצונג קומט אי"ה

# האַנדל וואַנדל

## מיט ר' העניך הענדלער



**דובּיי וואונדער גאָרטן**

Dubai Miracle Garden



דוביי,
פאראייניגטע
אראבישע עמיראטן

Dubai, United
Arab Emirates





**ב**לומען, בלומען, בלומען, בלומען, נאך בלומען, ווייטער בלומען, און ווידער בלומען!

דאס איז וואס מ'זעט אינ'ם **דוביי וואונדער גאָרטן** (*Dubai Miracle Garden*), דער פלאץ צו וואו ר' העניך און הלל זענען נאר וואס אנגעקומען נאך א לאנגע פלי רייזע פון ניו יארק קיין דוביי.

"דאס איז דער גרעסטער בלומען גאָרטן אין די וועלט" - דערציילט ר' העניך. "און ס'איז נישט סתם א גאָרטן, א פשוט'ער פעלד פון בלומען. נאר... נו, מיר וועלן שוין באלד זען פאר זיך אליין"...

"נישט אומזיסט רופט מען עס א **וואונדער גאָרטן**" - זעצט ער פאָר. "ווייל ס'איז טאקע א וואונדערליכע נפלאות הבורא אז אזא ריזיגער גאָרטן קען בליען אין א טרוקענער מדבר געגנט אין דוביי!

מ'האט געבויט א ספעציעלע אונטער-ערדישע וואסער סיסטעם דא. צוצושטעלן פייכטקייט פאר די אלע געוויקסן. פון וואו פארשאפט מען אבער אזוי פיל וואסער אין אזא טרוקענער פלאץ? לאסט אויטאס פאָרן ארום אין דוביי, און זאמלען גענוצטע שמוציגע וואסער. דאס וואסער ווערט געריינקט דורך ספעציעלע מאשינען, און דאן קען מען עס נוצן צו באוואסערן דעם גאָרטן!

געב א קוק" - ווייזט ר' העניך פאר זיין יונגער באגלייטער. "דער רונדעכיגער גאָרטן איז ארומגענומען מיט ביימער פון אלע זייטן. די ביימער דינען ווי א מויער וואס באשיצט די בלומען פון ווילדע ווינטן".



# אין ווינטער אדער זומער?

"אוי, ס'איז הייס דא" - מורמלט ר' העניך. ער פירט הלל צו א ווינקל פונ'ם גאָרטן, וואו מ'קען טרעפן אביסל שאטן פון די הייסע זון. ניין, נישט אין א פעלד פון ביימער, נאר א גרויסער שטח באדעקט מיט א דאַך פון... שירעמס!

"דער פילפארביגער שירעם דאַך איז צוגעשטעלט כדי אז באזוכער זאלן זיך קענען אפקילן אביסל ווען ס'ווערט צו הייס דא אינ'ם גאָרטן. און ס'ווערט טאקע הייס. אוי ווי ס'ווערט הייס... אין דובּיי איז דער דורכשניטליכער זומער וועטער בערך 104 *(40 צעלסיוס)*! ס'ווערט אבער נישט צופיל גענוצט אין זומער. פשוט ווייל דער גאָרטן איז נישט אפן אין דער זומער! אין אזעלכע היצן, זענען מענטשן געווענליך נישט אזוי אינטערעסירט צו כאפן א לענגערער שפאציר אין א גאָרטן. און טאקע דערפאר איז דער גאָרטן נאר אפן בערך פון סוכות צייט ביז פסח צייט יעדעס יאר".

"איין מינוט!" - רופט זיך הלל אן. "אויב אזוי, ווי אזוי האט מען אונז אריינגעלאזט יעצט אינמיטן זומער?!"

"אויף ר' העניך זאלסטו נישט פרעגן קיין קשיות"... - זאגט ר' העניך מיט א מיסטעריעזער שמייכל.



בליעדיגע קאטשקעלעך!



דער ריזיגער עראפלאַן, באצירט מיט מיליאנען בלומען



# דער דובּיי פלאָטערל גאָרטן (Dubai Butterfly Garden)

"ווען מ'האט געעפנט דעם גאָרטן אין יאר תשע"ג, האט עס פארנומען א שטח פון 21,000 קוואדראט פיס. עטליכע חדשים שפעטער, האט מען פארגרעסערט דעם גאָרטן, צוליינגדיג עטליכע בלומען אויסשטעלונגען וואס מיר וועלן אי"ה באלד באטראכטן פון די נאנט.

נאך א זאך וואס מ'האט שפעטער צוגעלייגט, איז"... און הלל זעט איין זאך זיי שפאנען אריין אין גרויסע געביידע, און נאך פאר די אויגן: פלאָטערלעך *(butterflies)*, פלאָטערלעך, און נאך פלאָטערלעך!

"דער **דובּיי פלאָטערל גאָרטן** איז אן אפטיילונג פונ'ם וואונדער גאָרטן וואס האט זיך עמטליך געעפנט אין יאר תשע"ה. דאס איז בעצם ווי א ריזיגער הויז פאר פלאָטערלעך. און ווען איך זאג ריזיג, מיין איך ר-י-ז-י-ג... דאס איז די וועלט'ס גרעסטער פלאָטערל גאָרטן וואס געפינט זיך אין א געביידע. מער ווי 15,000 פלאָטערלעך פליען דא ארום!

"דער פלאָטערל גאָרטן איז יא אפן א גאנץ יאר" - מערקט ר' העניך אן, "ווייל ס'איז אינעווייניג אין א געביידע, און מ'קען האלטן די לופט גענוג קיל".



א טויער פון פלאטערלעך
- כ'מיין, בלומען...

# א שפאציר אינ'ם גאָרטן





"נו, ביסט גרייט?" - פרעגט ר' העניך. "אנשטאט שמועסן אזוי פיל, לאמיר צוגיין צום עיקר און זיך ארויסלאזן אויף א שפאציר צווישן די אויגפארכאפנדע בלומען אויסשטעלונגען דא. ווייל ווי פריער דערמאנט, איז דער דובּיי גאָרטן נישט סתם א פעלד פון שיינע בלומען, נאר דא זעט מען ריזיגע סטרוקטורן, געביידעס און חיות אויסגעפארמירט פון טויזנטער קליינע בלומען!"

הלל'ס אויגן עפענען זיך ברייט און נאך ברייטער מיט יעדע אויסשטעלונג וואס זיי באטראכטן. זיי זעען הייזער און פאלאצן וואס זייערע ווענט זענען באדעקט מיט בלומען, ממש ווי מ'וואלט בטעות גענוצט בלומען ביים בויען, אנשטאט ציגל... הערליכע טייטלביימער הייבן זיך צום הימל, אבער מיט א נענטערן בליק אנטדעקט מען אז זיי זענען אייגנטליך פאלשע ביימער אין פארעם פון טייטלביימער, מיט צווייגן וועלכע זענען באצירט מיט הערליכע בלומעלעך!

"אן עראפלאן!" - שטעלט זיך הלל אפ, איבערראשט. א ריזיגער עראפלאן געבויט פון בלומען ליגט פאר זיי. דאס איז די גרעסטע סטרוקטור געמאכט פון בלומען אין די וועלט, און ס'באשטייט פון איין מיליאן געוויקסן, וועלכע געבן ארויס צוזאמען מער ווי זעקס מיליאן בלומען!

זיי באטראכטן צוויי ריזיגע פאַוועס *(peacocks)*, געמאכט פון... בלומען - פארשטייט זיך. ווייטער אין וועג זעען זיי קליינע מורישקעס און גרויסע עלעפאנטן, א טשערעפאכע, א קאץ, און עטליכע קאטשקעס, אלעס הערליך פארמירט פון מיליאנען בלומעלעך.

הלל, גרויס, ברייט און הערליך. אפילו א ריזיגער זייגער טרעפט
הערליכע בלומען און געמאכט פון אומצאליגע
געוויקסן!



א הערליך הויז...



פייף-פייף! די באן איז דא!



א הערליכע פאווע! קענסט צוגיין נאנט, ער וועט נישט אוועקלויפן...

# דער גאָרטן אין נומערן

- דער דובײ וואונדער גאָרטן פארנעמט א שטח פון איבער **780,000 קוואדראט פיס** *(72,000 קוואדראט מעטער)*!
- דער גאָרטן פארמאגט מער ווי **150 מיליאן בלומען** און **250 מיליאן געוויקסן**.
- מער ווי **200,000 גאַלאָן** *(757,082 ליטער)* **וואסער** ווערט גענוצט יעדן טאג צו באוואסערן די בלומען אינ'ם דובײ וואונדער גאָרטן! אייגנטליך, נישט יעדן טאג, ווײל די בלומען ווערן באוואסערט דווקא בײנאכט, נאך וואס דער גאָרטן איז שוין פארמאכט פאר באזוכער...
- עס זענען פארהאן ארום **120 סארטן בלומען** אינ'ם גאָרטן.
- צו ערציילן אזא גאָרטן האט געקאסט ארום **11 מיליאן דאלער**, וואס לויט די פארשווענדערישע דובײאישע שוואוילטאג השגות, איז דאס בכלל נישט קיין געלט... נו, אצינד ווערן מיר מאכן אן ערליכע ברכה, שלא עשני גוי!



דער בלומען זייגער



שבועות'דיגע הייזער...


א קינד
אין קייטן
13
דארט!
צוויי קינדער זענען
אראפגעפאלן פונ'ם פעלז!
כ'האב עס געזען מיט די
אייגענע אויגן!
וואו זענען זיי? איז דא עפעס
א סימן פון זיי?
דא
זענען זיי!
זענען
מיר געראטעוועט אדער נישט?
שווער צו וויסן אויף וועלכע זייט די
ארטיגע פאליציי זענען?
ס'איז מיר געלונגען זיי צו
ראטעווען פון וואסער! נעמט
זיי ווייטער, איך דארף צוריקגיין
צו מיין ארבעט...
אלעס איז
פארנעפלט... הייליגער זיידע,
העלף אונז ארויס...


אין קורצן פון פריער: ביים אנטלויפן פונם ריז, דער שומר פונם בית החיים, טאנצן די קינדער אראפ פון א הויכן פעלז גלייך אריין אין וואסער, אבער נאכן שווימען א שטיק צייט ווערן זיי געכאפט דורך דעם גיגאנטישן ריז פון בית החיים. דערווייל האט אבער עמיצער באמערקט ווי זיי זענען אראפגעפאלן פונם פעלז, און זי רופט פאר הילף.
וואו בין איך דא? וויפיל צייט איז שוין אריבער?
ראובן?
אוי, סטוט מיר וויי מיין קאפ...
ווארט ווארט, ס'איז נישט גוט דו זאלסט יעצט ווערן צו איבערדראשט. לייג זיך אראפ און רוה זיך אפ אביסל.
אוי וויי! זעט אויס מיר זענען פארכאפט געווארן!
האסט זיך אויפגעוועקט!
וואו איז יעדער?




פארזעצונג קומט אי"ה



הרב ר' חנוך העניך לערנער

# דער ערשטער איד אין וויען נאכ'ן גירוש

**וויען, יאר תל"ה לפ"ק**

וויען - די הויפט שטאט פון עסטרייך - איז געווען א שטאט וואו אידן זענען נישט לאנג 'איינגעזעסן'. אירע אידישע איינוואוינער זענען כסדר 'פארבעטן' און 'פארטריבן' געווארן. נאך מיט העכער 800 יאר צוריק, האבן זיך אין וויען געדרייט ארומרייזנדע אידישע סוחרים, וועלכע זענען אהינגעקומען האנדלען פון נאנט און פון ווייט.

א צייט שפעטער, האבן אידן יא באקומען ערלויבעניש זיך צו באזעצן אין די שטאט, און עס האבן זיך פארמירט אידישע געטאס וואו אידן האבן געוואוינט קאנצענטרירט אין די מלוכה שטאט. צו לאנג האבן זיי אבער נישט געוואוינט אין פרידן, ליידנדיג פון איין גירוש נאכ'ן צווייטן.

א צייט שפעטער, נאכדעם וואס די צווייטע אידישע געטא איז אויפגעלעזט געווארן און אידן האבן לויט'ן געזעץ נישט געטארט וואוינען אין וויען, איז אהינגעקומען אויף מסחר דער אידישער סוחר פון היידלבערג, רבי שמואל אפענהיימער, צו באטראכטן זיינע גליקן און מעגליכע געשעפטן.

רבי שמואל - שוין דאן א בארימטער באנקיר - האט נושא חן געווען ביים קייזער לעאפאלד, און דער קייזער, זעענדיג אין אים אן איש מצליח וואס האט דאס געלט און פעאיגקייט צו קענען ראטעווען די עקאנאמיע פון וויען וואס איז דאן געווען אין א שווערן מצב, האט אים פארבעטן צו בלייבן וואוינען אין וויען, כאטש וואס ס'איז דאן געווען א פארבאט אויף אידן צו וואוינען דארט.

קייזער לעאפאלד איז געווען ווייט פון אן אוהב ישראל. ער זעלבסט איז געשטאנען אונטער דעם צווייטן גירוש פונ'ם וויענער אידנטום, און אפילו יעצט ווען ער פארבעט רבי שמואל אפענהיימער צו בלייבן וואוינען אין וויען, האט ער אריינגערוימט אין אויער פון זיין פינאנץ מיניסטער: "עס קרענקט מיר שטארק וואס איך מוז אריינפאלן אין אידישע הענט, הלואי וואלט איך נישט געדארפט צוקומען דערצו. איך האף אז איך וועל נאר דארפן צוקומען צו א איד אויף א קורצע צייט, און נישט אייביג בלייבן אין זייערע הענט".

ווײלנדיג דאן צום ערשטן מאל אין וויען, איז פארגעקומען א צערעמאניע ביי וועלכע ס'איז באנייט געווארן א קירכע פאר'ן קייזער אויפ'ן ארט וואו ס'איז געשטאנען די גרויסע שול וואס איז ארונטערגעריסן געווארן נאך דער גירוש פון אידן. רבי שמואל איז אנוועזנד געווען ווען בישאף קאלאניץ - אן אויסגעשפראכענער שונא ישראל - האט געהאלטן די צענטראלע רעדע, און אין זיינע גיפטיגע רייד האט ער אזוי אפן ארויסגעוויזן זיין האס אקעגן אידן.

קורץ נאך די דאזיגע צערעמאניע, האט דער קייזער אויפגענומען רבי שמואל אפענהיימער, כדי אפיציעל פארצולייגן פאר אים דעם אנבאט אז ער זאל בלייבן וואוינען אין שטאט און אים העלפן צוריקבויען די עקאנאמיע.

די שנאה צו אידן פון קייזער לעאפאלד, איז נישט געווען פארהוילן פון רבי שמואל. ער האט עס גוט געוואוסט, און איידער ער האט אנגענומען דעם אנבאט פונ'ם קייזער, האט ער געשטעלט פאר'ן קייזער א רייע פראגעס וואס זענען פארשריבן געווארן אין א דאקומענט פון יענע צייט, ווי פאלגענד:

"הער קייזער, איך בין גרייט אנצונעמען אייער פארבעטונג, אבער איך דארף פון פאראויס וויסן, אויב אנדערע אידן וועלן אהערקומען, צי מ'וועט זיי ערלויבן דא צו פארבלייבן?"

"הער אפענהיימער, אויב מוזט איר האבן מיט אייך אנדערע אידן כדי צו

דער נאמען **רבי שמואל אפענהיימער פון וויען**, איז פון די ערשטע אויף די רשימה פון מקורבים למלכות וואס האבן אויפגעטוען גרויסע זאכן פאר כלל ישראל מיט זייער שתדלנות פאר אידנ'ס וועגן. רבי שמואל האט זיך טאקע געהאט באזעצט אין וויען, וואו ער האט זיך געבויט א גרויסער פאלאץ.

ער האט בשעתו אפגעראטעוועט די געבראכענע עקאנאמיע פון קייזער לעאפאלד, און געקעמפט בטל צו מאכן פארשידענע גזירות אויף אידן.

נאך די פטירה פון רבי שמואל, ווען ס'איז אויסגעלאפן זיין ספעציעלע רעכט צו וואוינען אין וויען, האט די מלוכה טאקע פארשיקט זיין אלמנה פון די שטאט, און דערמיט קלאר ארויסגעוויזן דאס וואס דער קייזער לעאפאלד האט דערמאנט אין זיין געשפרעך מיט רבי שמואל, אז ווי לאנג מ'דארף האבן דעם הילף פון דער איד, וועט מען אים איינלאדענען צו קומען וואוינען אין די הויפטשטאט, און ווען מ'נויטיגט זיך שוין נישט אין אים, וועט מען אים פארטרייבן.

ס'איז אינטערעסאנט אנצומערקן, אז די דריי הויפט אידישע שתדלנים און מקורבים למלכות פון יענע צייט, **רבי שמואל אפענהיימער**, **רבי שמשון ווערטהיימער** און **רבי ישכר בערמאן**, זענען געווען פארבונדן אין א חוט המשולש און זיך משדך געווען איינער מיט'ן אנדערן.

אלף החמישי



— א מאלעריי פונ'ם וויענער פרנס ר' שמואל אפענהיימער

קענען וואוינען דא אין שטאט, וועל איך אויך זיי ערלויבן צו וואוינען אין מיין קייזערליכע שטאט".

דער קייזער האט דאן מגלה געווען פאר רבי שמואל, אז מיט יארן פריער ווען ער האט פארטריבן די אידן פון וויען, האט זיין פינאנץ מיניסטער צו אים גע'טענה'ט, אז פון אן עקאנאמישן בליק, איז עס לכאורה געווען א טעות צו פארטרייבן די אידן פון וויען, ווייל די אידן פלעגן צאלן א באזונדערן שטייער צו קענען וואוינען אין וויען, און דער דאזיגער שטייער איז געווען א וויכטיגע איינקונפט פאר די מלוכה, און ווי ס'האט זיך טאקע ארויסגעשטעלט, איז די מלוכה פאראַרעמט געווארן קורץ נאך דעם גירוש.



— די חתימה און זיגל פון ר' שמואל אפענהיימער

רבי שמואל שטעלט פאַר פאר'ן קייזער זיינע ווייטערדיגע פראגעס.

"הער קייזער, אין וויען האט מען שוין וויינִיגסטנס צוויי מאל פארטריבן די אידן פון שטאט, וועט נישט אין דער נאנטער צוקונפט זיין א דריטער גירוש?"

"הער אפענהיימער, איך וועל מיט אייך זיין גאנץ אפן, נישט בלויז א דריטער גירוש וועט זיין, נאר אויך א פערטער און א פינפטער... אזוי גייט עס שוין ביי אונז אין די מלוכה, מ'מוז כסדר אנקומען צו די הילף פון אידן, ממילא רופט מען זיי שטענדיג צוריק נאכדעם וואס מ'פארטרייבט זיי... און שפעטער ווען מ'דארף זיי שוין מער נישט, טרייבט מען זיי ווידער ארויס"...

"אזא זאך לייגט זיך דאך נישט אויפ'ן שכל, הער קייזער. אויף דעם ארויף זאל איך זיך באמיען אהערצוקומען וואוינען, אויסצוגלייכן די קייזערליכע פינאנצן, כדי אז א צייט שפעטער זאל מען מיך ארויסטרייבן פון דא?"

"אזוי פיל קען איך אייך פארשפרעכן, אז אונטער מיין הערשאפט וועט א פרישע פארטרייבונג נישט פאסירן. איר קענט זיין זיכער מיט א סטאבילער וואוינארט אזוי לאנג ווי איך וועל זיצן אויפ'ן טראן".

"און וואס וועט זיין שפעטער? מיר אידן זענען דאך אן אייביגע ראסע, און איך בין באזארגט אויף מיינע קומענדיגע דורות!"

"הער אפענהיימער, ווי געזאגט, קען איך אייך נישט פארשפרעכן מער ווי דעם, אז אונטער מיין הערשאפט וועט מען נישט פארטרייבן אידן פון וויען".


Bekhennen öffentlich mit disem brieff
...
Factor ... Samuel Oppenheimber
...
Continuir...
...Summen...
...Proviant munition...

— פריווילעגיעס פאר ר' שמואל אפענהיימער



— די דעפארטאציע פון די אידן פון די שטאט וויען אין יאר תש"ב

# בילדער און געווינער

## געווינערס

**פרשה מאַלעריי**
אבא שיפל
מאנסי

**מעשה מיט מחשבה**
יהודה יחיאל פארטוגאל
מאנסי

**אַ בליק אויף צוריק**
שרה מינדל ווייס
בארא פארק

**לוסטיג חברים**
שרה רייכמאן
בארא פארק

**מאה בהלכה**
משה שטערן
וויליאמסבורג

**חידות**
נפתלי מאיר פריעדמאן
בארא פארק

## טייערע קינדער

**שיקט אריין אייערע בילדער**

און גייט אריין אין
הערליכע גורלות!

**איר קענט אריינשיקן צו:**

85 Bolivar Street
Staten Island, NY 10314
pictures@hundred.pub
718.289.0101



חיים שמואל שימל
בארא פארק



שרה ברײנדי טייטלבוים
וויליאמסבורג



דניאל ביגעלאייזן
בארא פארק



אלימלך אלי' קליין
אנטווערפען. בעלגיע



רבקי פערלמוטער
וויליאמסבורג



משפחת גליק
בארא פארק



שלומי און שמעון ענדצווייג
וויליאמסבורג





שמואל'י ראטבארט
לאנדאן. ענגלאנד





משפחת אבראמאוויטש
בארא פארק